**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/1/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע און פאראדנט סטעיט אפיס געביידעס און צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פייערונג פון 'פרייד חודש'**

***LGBTQ+ פראגרעס פרייד פענער צו ארויפגעצויגן ווערן און סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אריבער ניו יארק סטעיט אום יוני 1, באצייכענענדיג אנהויב פון 'פרייד חודש'***

***ניו יארק סיטי צו אפהאלטן יערליכע 'פרייד חודש' פאראדע אום יוני 29, איינס פון די גרעסטע פרייד פאראדעס און פרייד געשעענישן אין די וועלט***

***גאווערנער גיבט ארויס פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג יוני 2025 אלס +LGBTQ פרייד חודש; לינק צו די פראקלאמאציע דא***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאראדנט סטעיט אפיס געביידעס און צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין די קאלירן פון די 'פרייד' פאן און צו ארויפציהען +LGBTQ פראגרעס פרייד פענער היינט, יוני 1, צו פייערן ניו יארק'ס +LGBTQ קאמיוניטי און צו אפצייכענען די אנהויב פון 'פרייד חודש'. די גאווערנער האט אויך ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג יוני 2025 אלס +LGBTQ פרייד חודש אין די עמפייער סטעיט. די פרייד פאן וועט ארויפגעצויגן ווערן אויף די סטעיט קאפיטאל געביידע, אויף די Empire State Plaza און אויף די גאווערנער'ס עקזעקיוטיווע פאלאץ.

"ניו יארק איז די געבורט פלאץ פון די +LGBTQ רעכטן באוועגונג — מיטגלידער פון די קאמיוניטי האבן מארשירט פאר גלייכקייט זינט 1969, און יעדעס יאר קומט איינס פון די וועלט'ס גרעסטע פרייד פאראדעס פאר אין ניו יארק סיטי", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "יעצט מער פון סיי ווען בעפאר, קעמפן מיר צו באשיצן LGBTQ רעכטן און שוץ מאסנאמען — עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער צו זיין זיכער, דערהערט און געשעצט, אפגעזעהן פון וועם זיי האבן ליב אדער וויאזוי זיי אידענטיפיצירן זיך. ניו יארק איז שטאלץ מיט איר היסטאריע און וועט שטענדיג פייערן 'פרייד'."

די פאלגנדע סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין די פילפארביגע קאלירן פון די פרייד פאן אום יוני 1 און יוני 23-30, און צענטראלע סטרוקטורן אין דעם הויפטשטאט ראיאן וועלן באלאכטן ווערן דורכאויס די סוף וואך פון יוני 7-9:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער (One World Trade Center)
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאָסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע

- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאָקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

די פרייד פאן וועט ארויפגעצויגן ווערן ביי די פאלגנדע סטעיט אגענטורן און אפיס געביידעס אריבער ניו יארק סטעיט:

- ניו יארק סטעיט קאפיטאל
- עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza)
- גאווערנער'ס עקזעקיוטיווע פאלאץ
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע (Alfred E. Smith State Office Building)
- ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services)
- ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation)
- ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People With Developmental Disabilities)
- ניו יארק סטעיט ארבייטער פארגוטיגונג באורד (Workers' Compensation Board)
- העמפטאן פלאזא
- הערימאן קאמפוס
- טען אייק
- בינגהעמטאן סטעיט אפיס געביידע
- דאָלעס סטעיט אפיס געביידע
- הענדערסאן-סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער (אריסקעני)
- האומער פאלקס איינריכטונג
- סענאטאר דזשאן ה. היוז סטעיט אפיס געביידע
- יוטיקע סטעיט אפיס געביידע
- עדעם קלעיטאן פאוועל דזשוניאר סטעיט אפיס געביידע
- עלענאר רוזעוועלט סטעיט אפיס געביידע
- האדסאן וואלי טראנספארטאציע מענעדזשמענט צענטער
- פערי ב. דוריעי סטעיט אפיס געביידע

אין צוגאב, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט אז די פרייד פאן וועט ארויפגעצויגן ווערן ביי די פאלגנדע סטעיט פארקס אריבער ניו יארק סטעיט:

- אלעגאני סטעיט פארק
- Artpark
- Bayard Cutting Arboretum
- בעלמאנט לעיק סטעיט פארק
- בעטפעידזש סטעיט פארק

- קעילעב סמיט סטעיט פארק
- קלעי פיט פאנדס סטעיט פארק פרעזערוו
- קלערמאנט סטעיט היסטארישע ארט
- קאנעטקאט ריווער סטעיט פארק
- DF ריווערבענק סטעיט פארק
- FDR פאָר פרידאמס סטעיט פארק
- FDR סטעיט פארק
- גענטרי פלאזא סטעיט פארק
- גרין לעיקס סטעיט פארק
- העמלין סטעיט פארק
- העמפסטעד לעיק סטעיט פארק
- הידער הילס סטעיט פארק
- דזשאָונס ביטש סטעיט פארק
- לעיק טעגקאַניק סטעיט פארק
- לעטשווארט סטעיט פארק
- מארשא פּ. דזשאנסאן סטעיט פארק
- מילס-נארי סטעיט פארק
- מאנטאוק דאַונס סטעיט פארק
- ניאגרא פאָלס סטעיט פארק
- אריענט ביטש סטעיט פארק
- Philipse Manor Hall
- פלענטינג פיעלדס סטעיט פארק
- ראבערט מאָוזעס סטעיט פארק
- ראבערטא קלעמענט סטעיט פארק
- סאראטאגע ספּאַ סטעיט פארק
- שירלי טשיסהאלם סטעיט פארק
- סאָנקען מעדאָו סטעיט פארק
- טעקאניק סטעיט פארק
- וואלי סטרים סטעיט פארק
- וועלסלי איילענד סטעיט פארק

אריבער אירע פאזיציעס אין לאקאלע און סטעיט רעגירונג, האט גאווערנער Hochul (האקול) געקעמפט פאר פאליסיס און געמאכט אינוועסטירונגען צו שטיצן באזייטיגטע ניו יארקער. זייענדיג א נאציאנאלע פירערין ביים שתדל'ן פאר +LGBTQ רעכטן, האט זי אונטערגעשריבן א געזעץ צו מאכן ניו יארק פאר א זיכערע האפן פאר +LGBTQ יונגווארג און זי האט אויסגעפלאסטערט די וועג פאר א גלייכע רעכטן אמענדמענט צו אריינגעלייגט ווערן אין די ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע.

די +LGBTQ קאמיוניטי איז נישט געווען קיין פרעמדע צו די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע'ס אטאקעס און די פעדעראלע רעגירונג'ס אונטערנעמונג צו אוועקרייסן רעכטן און שוץ מאסנאמען פון מענטשן וועלכע פרובירן צו זיין זיך אליין. די אטאקעס האבן ארומגעדרייט יארן פון ציווילע רעכטן פארשריט און שתדלנות, אוועקנעמנדיג שוץ מאסנאמען פאר +LGBTQ מענטשן און פארדעקן צוגענגליכקייט צו אינפארמאציע פאר מענטשן וואס זוכן צו לערנען מער איבער זייער אידענטיטעט און צו באקומען דזשענדער-צוגעפאסטע קעיר.

יעדעס יאר איז ניו יארק סיטי די היים צו איינס פון די וועלט'ס גרעסטע פרייד פאראדעס און פרייד געשעענישן אין די וועלט. דאס יאר וועט די פרייד פאראדע פארקומען אום יוני 29 – פארקומענדיג יערליך

אויף די לעצטע זונטאג אין יוני – און דורכאויס יוני וועט די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס ( Empire State Development) דיוויזיע פון טוריזם (Division of Tourism)/I LOVE NY ('איך האב ליב ניו יארק') פארזעצן צו מוטיגן טוריסטן צו אנטדעקן אלע געשעענישן און דעסטינאציעס וואס ערווארטן זיי אריבער ניו יארק סטעיט דורך 'I LOVE NY LGBTQ' קאמפיין. די I LOVE NY LGBTQ וועבזייטל האט רייזע מדריכים, בלאגס און א פרייד געשעעניש לוח מיט געשעענישן פארקומענדיג אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. פאר מער אינפארמאציע איבער LGBTQ רייזע דעסטינאציעס און פרייד געשעענישן, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן